**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/31/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער ביל א נאמען צו געבן בריק נאך סטעיט טרופער טאמאס דזשעי. קאנסארטע**

***לעגיסלאציע (S.7139/A.07643-A) וועט א נאמען געבן פאר סטעיט ראָוט פינף-און-צוואנציג ביי דער לאנג איילענד עקספרעסוועי אלס דער ׳טרופער טאמאס דזשעי. קאנסארטע מעמאריעל ברידזש׳***

גאווערנער האקול האט היינט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע (S.7139/A.07643-A) צו דעזיגנירן א טייל פון די סטעיט׳ס הייוועי סיסטעם אלס דער ׳טרופער טאמאס דזשעי. קאנסארטע מעמאריעל ברידזש׳ צו פארעהרן טרופער קאנסארטע׳ס העלדישע דינסט.

"אונזערע טרופערס ווידמען זייערע לעבנס צו האלטן זיכער ניו יארקער, און מיר זענען אלע שולדיג דאנקבארשאפט צו טאמאס דזשעי. קאנסארטע פאר זיין העלדישקייט און מסירות נפש," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די לעגיסלאציע פארעהרט א העלדישער ניו יארקער דורך פארזיכערן אז זיין לעגאט לעבט ווייטער פאר פילע דורות אין דעם צוקונפט."

טרופער טאמאס דזשעי. קאנסארטע איז געבוירן אום מערץ 7, 1963, אין אשענסייד, ניו יארק. נאכ׳ן גראדואירן פון די ׳קאמסעוואג׳ הויך-שולע אין פארט דזשעפערסאן סטעישען, ניו יארק, פארענדיגט זיין טרענירונג ביי דער בעיסיק סקול ביי דער ניו יארק סטעיט פאליציי אקאדעמיע אין 1985. ער איז ערשט געשטעלן געווארן אין טרופ K, און שפעטער אריבערגעפירט צו טרופ L צו זיין נאענטער צו זיין ווייב און זון. טרופער קאנסארטע׳ס מערסט באקאנטע מאמענט איז געקומען אין מאי 1986, ווען ער האט געשפילט א קריטישע ראלע אין די ארעסט פון עמיצער וואס האט געשאסן א סופאלק קאונטי פאליציי אפיציר. ער האט פארלוירן דאס לעבן אום נאוועמבער 23, 1987, אין ריווערהעד, ניו יארק, ווען ער איז אנגעקלאפט געווארן דורך א קאַר בשעת׳ן אויפזעהן א מאטאר וויהיקל עקסידענט.

**ניו יארק סטעיט סענאטאר אנטאני פאלומבא האט געזאגט,** "דאס א נאמען געבן פאר׳ן ראָוט 25 לאנג איילענד עקספרעסוועי אָווערפעס אין נאמען פון טרופער טאמאס דזשעי. קאנסארטע איז א פאסיגע פארעהרונג צו די לעבן און קאריערע פון אן אויפקומענדע יונגע טרופער וואס איז אומגעקומען אין לויף פון אויספילן זיין אויפגאבע בשעת׳ן דינען זיין קאמיוניטי. דאס געבן א נאמען פאר׳ן בריק זאגט עדות סיי אויף זיין אנדענק און סיי די ריזיקעס און געפארן וועלכע אונזער געזעץ אינפארסירונג מיטגלידער שטייען אויס ווען זיי טוהען זיך אן דעם אוניפארם. מיר קענען נישט גענוג באדאנקען די מענער און פרויען פון געזעץ אינפארסירונג פאר די ארבעט וואס זיי טוהען צו באשיצן און דינען אונזערע קאמיוניטיס."

**אסעמבלי-מיטגליד דזשאדי גיגליא האט געזאגט,** "מיר האבן פארלוירן 16 טרופערס אויף לאנג איילענד אין לויף פון די לעצטע 100 יאר בשעת׳ן אויספירן זייערע פליכטן. טאמאס קאנסארטע EOW קומט אום 11/23/1987. ער האט סערווירט נאר 2 יאר בעפאר ער איז אנגעקלאפט געווארן ביי די זייט

פון די ראוד בשעת׳ן לייגן פלעירס פון אן עקסידענט אויף א פארנומענע שאסיי בשעת׳ן פרובירן צו באשיצן די וועלכס זענען געווען פארמישט אין דעם עקסידענט. אונזערע הערצער גייען אויס פאר אים און זיין פאמיליע אזוי ווי דער פיינליכע זכרון דערנענטערט זיך. מיט פילע בריקן, טונעלן, און שאסייען אין דעם סטעיט, טוהט דאס א נאמען געבן פון די ארט וואו דער עקסידענט האט פאסירט איז מאנומענטאליש."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418